בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת
נשא
י"א סיון שנת תשפ"א
לפ"ק

שנה 2, גליון 24
(39)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, שְׁנַת תשפ"א לִפְּרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְּרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתָּם.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְלֶערְנֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט: דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אִין דִי מַעֲשֶׂה אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן בַּיי דֶער וֶועלְט אִיז עֶר גִיוֶוען אַ גִישְׁפֶּעט. אוּן זֵיי הָאבְּן דָא גִיקְרִיגְן וָואס זֵיי ווִילִין. וָוארִין זֵיי הָאבִּין דָא גִיהַאט אוּיס וֶועמֶען צוּ שְׁפֶּעטִין אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן גִיוָואלְט. וָוארִין עֶר הָאט אַפָּנִים גִיהַאט בַּיי זֵיי ווִי אַ מְשׁוּגֶענֶער. פְּלֶעגִין מֶענְשְׁן קוּמֶען. אוּן הָאבִּין אִין מִיסְטֶנֶע אָן גִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין. כְּדֵי זֵיי זָאלִין הָאבְּן עֶפֶּעס צוּ שְׁפֶּעטִין.

דָאס אִיז לֵיידֶער אַ מְצִיאוּת, עֶס מַאכְט זִיךְ זֵייעֶר זֶעלְטְן אַ מִשְׁפָּחָה פוּן טַאטֶע מַאמֶע, בְּרוּדֶער אוּן שְׁוָואגֶערְס, זָאלְן פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם בַּיי אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אָנְדֶעם וָואס מֶען זָאל רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען רֶעדְט פוּן דָאס אוּן

יֶענְץ אִינְמִיטְן קוּמְט אַרַיין אִינֶעם שְׁמוּעֶס נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גֶעמֵיינֶע מִדָּה, פַּארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט פַּארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אָנְדֶעם וָואס מֶען זָאל בַּארֶעדְן אַנְדֶערֶע?! עֶס אִיז דָא גֶענוּג זַאכְן פוּן וָואס צוּ שְׁמוּעֶסְן, מֶען קֶען רֶעדְן פוּן אַלֶעס וָואס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען רֶעדְן סְתָּם נַייעֶס וְכַדוֹמֶה דַאֲמִירָן בְּעָלְמָא, אָנְדֶעם וָואס מֶען זָאל דֶערְמַאנֶען נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן.

אוּן דֶער תַּם פְּלֶעגְט זֵיי צוּ זָאגִין נָאר אָן לֵיצָנוּת. אוּן תֵּיכֶף ווִי מֶען הָאט אִים גִיעֶנְפֶּערְט אָן לֵיצָנוּת. הָאט עֶר זֵיי צוּ גִיהֶערְט. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּסִין. וָוארִין וַוייטֶער. הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט אִיבֶּער טְרַאכְטְן חָכְמוֹת. טָאמֶער אִיז דָאס אַלֵיין לֵיצָנוּת. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען אַ תַּם.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט מַאכְן וואוּסֶענְדִיג פוּן דֶעם 'וָואס יֶענֶער זָאגְט אוֹיף מִיר', אַזוֹי ווִי דֶער תַּם וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן בַּא'טַעֲמְ'טֶע לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן אוֹיף אִים, וָואס אַנְדֶערֶע שְׁמֵייכְלֶען זִיךְ אוּנְטֶער אִים, דֶער תַּם הָאט גֶערֶעדְט מִיט יֶעדְן צוּגְלַייךְ, אוּן אַז מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹזֶק

## חִינוּךְ ווִינְקְל

גענומען פונעם קונטרס "אידישקייט איז שיין"

קוּרְצֶע 'שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת' וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מְחַנְכוֹת

**שְׁאֵלָה:** וָואס טוּט מֶען מִיט אַ מֵיידְל וָואס קוּמְט שְׁטֶענְדִיג מִיט נִישְׁט נָארְמַאלֶע רִיסֶעס, מִיט טֵייעֶרֶע עֶסְן וְכַדוֹמֶה, וָואס רֵייצְט אָן אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ עֶס נָאכְצוּמַאכְן?

**תְּשׁוּבָה:** מֶען זָאל זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט פַאר דִי מַאמֶע אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע סָארְט רִיסֶעס אִין סְקוּל וַוייל דָאס מַאכְט אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אִיר וֶועלְן נָאכְמַאכְן, אוּן אוֹיבּ זִי וֶועט וַוייטֶער בְּרֶענְגֶען אַזֶעלְכֶע רִיסֶעס וֶועט מֶען דָאס דַארְפְן צוּנֶעמֶען פוּן אִיר.

**שְׁאֵלָה:** וָואס טוּט מֶען מִיט אַ מֵיידְל וָואס אִיז אַ גַאנְצְן טָאג מִיד?

**תְּשׁוּבָה:** דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אִין שְׁטֶעטְל, 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב' – לִיבֶּערְטִי, אַ מֵיידְל אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין קְלַאס, קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז דָאס מֵיידְל שְׁלָאפְט נִישְׁט גֶענוּג אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דֶער טַאטֶע אַז זַיין טָאכְטֶער שְׁלָאפְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין קְלַאס [זעט דעם בריוו אויף עמוד ג'], זִי שְׁלָאפְט אַיין יֶעדְן טָאג בִּשְׁעַת'ן לֶערְנֶען, אֶפְשָׁר שְׁלָאפְט זִי נִישְׁט גֶענוּג אִינְדֶערְהֵיים; הָאט מִיר דֶער טַאטֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אִינְדֶערְהֵיים שְׁלָאפְט דִי גַאנְצֶע צְוֶועלְף שָׁעָה, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אִיר נֶעמֶען צוּ אַ דָאקְטֶער בּוֹדֵק זַיין צִי עֶס פֶעלְט אִיר מִינֶערַאלְן. אָבֶער וִוילַאנְג דִי מֵיידְל שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי קְלַאס טָאר מֶען אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, מֶען דַארְף אִיר לָאזְן שְׁלָאפְן, מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן זֶען אַז זִי זָאל גֵיין שְׁלָאפְן צֵייטְלֶעךְ; וִוילַאנְג אַ קִינְד שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי קְלַאס דַארְף מֶען אִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן, נָאר רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן זֶען צִי אַלֶעס אִיז מְסוּדָר מִיטְ'ן קִינְד, אוּן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט צוּ זֵיי.

מִיר קֶענֶען נָאר אַרַיינְנֶעמֶען אַ קִינְד אִין סְקוּל אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן אוֹיךְ זַיין

מַאכְן פוּן אִים הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "נָאר אָן לֵיצָנוּת!" אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי.

אוּן אַז עֶר הָאט פָּארְט גִיזֶעהְן אַז זֵיי מֵיינֶען לֵיצָנוּת. פְלֶעגְט עֶר זָאגִין וָואס וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין קְלוּגֶער זַיין פוּן מִיר. וֶועסְטוּ זִיךְ עֶרְשְׁט זַיין אַ נַאר. וָוארִין וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן. אוּן אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין פוּן מִיר קְלוּגֶער זַיין וֶועסְטוּ זִיךְ עֶרְשְׁט זַיין אַ נַאר. (אַזוֹי אִיז אַלֶץ גִיוֶוען דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם תַּם. הַיינְט וֶועלְן מִיר וִוידֶער דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם חָכָם).

דֶערְוַוייל אִיז גִיוָוארְן אַ רַעַשׁ אַז דֶער חָכָם פָּארְט. אוּן עֶר קוּמְט אָן מִיט גְרוֹיס גְדוּלָה אוּן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה. אִיז דֶער תַּם אוֹיךְ גִילָאפִין אִים אַקֶעגִין מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם וַוייבּ. גִיבּ מִיר גִיךְ דִי יוּפָּא לָאם אִיךְ גֵיין אַקֶעגִין מַיין לִיבְּן חָבֵר לָאם אִיךְ אִים זֶעהְן. הָאט זִי אִים גִיגֶעבְּן דֶעם פֶּעלְץ. אִיז עֶר אִים אַקֶעגִין גִילָאפִין אוּן דֶעם חָכָם אִיז גִיפָארִין אִין אַ קַארְטֶע. מִיט גְרוֹיסְקֵייט. אִיז אִים גִיקוּמֶען אַקֶעגִין דֶער תַּם. אוּן הָאט אִים גִיגֶעבִּין שָׁלוֹם מִיט שִׂמְחָה מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט. (אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט) מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער וָואס טוּסְטוּ. גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט דִיךְ גִיבְּרַאכְט אוּן אִיךְ בִּין זוֹכֶה דִיךְ צוּ זֶעהְן. אוּן דֶער חָכָם קוּקְט אִים אָן. בַּיי אִים אִיז זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיךְ גִיוֶוען גָאר נִישְׁט (אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אִיז גִישְׁטַאנֶען. אַז אַלֶע מֶענְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט הָאבִּין בַּיי אִים גָאר נִיט אָן גִיטְרָאפְן. וָוארִין עֶר אִיז בַּיי זִיךְ קְלוּגֶער גִיוֶוען פוּן גָאר דֶער וֶועלְט) מִכָּל שֶׁכֵּן. אַזוֹי אַ מֶענְשׁ. וָואס עֶר הָאט אַ פְּנִים וִוי אַ מְשׁוּגָע. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט מַחְמַת דִי אַהֲבָה פוּן דֶער יוּגְנְט וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. הָאט עֶר אִים מְקָרֵב גִיוֶוען. אוּן עֶר אִיז מִיט אִים גִיפָארִין אִין שְׁטָאט אַרַיין.

אוּן דִי צְוֵויי בַּעֲלֵי בָּתִּים דִי פֶעטֶער פוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶער (דְהַיְינוּ פוּן דֶעם חָכָם אוּן פוּן דֶעם תַּם) זֶענֶען זֵיי גִישְׁטָארְבְּן, אִין דֶער צַייט וָואס דֶער חָכָם אִיז אוּיסִין גִיוֶוען אִין מְדִינוֹת. אוּן הָאבִּין אִיבֶּער גִילָאזְט זֵייעֶרֶע הַייזֶער. דֶער תַּם אִיז גִיוֶוען אוֹיף זַיין אָרְט. אִיז עֶר אַרַיין אִין זַיין פָּאטֶערְס הוֹיז אוּן הָאט עֶס גִירַשְׁ'ט. דֶער חָכָם אִיז אָבֶּער גִיוֶוען אִין פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת הָאט קֵיינֶער נִיט גִיהַאט אָפּ צוּ נֶעמֶען דָאס הוֹיז. אִיז דָאס הוֹיז פוּן דֶעם חָכָם כָּלָה וְאָבַד גִיוָוארִין. אוּן סֶע אִיז דֶערְפוּן גָאר נִיט גִיבְּלִיבְּן. הָאט דֶער חָכָם נִיט גִיהַאט קֵיין שְׁטוּבּ עֶר זָאל אַרַיין בְּשַׁעַת אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען. אִיז עֶר פַאר פָארִין אִין אֵיין אַרְבִּירִיק אַרַיין. הָאט עֶר דָארְט גִיהַאט יְסוּרִים. וָוארִין סֶע אִיז נִיט גִיוֶוען אַזוֹי אֵיין אַרְבִּירִיק וִוי עֶר הָאט גִיוָואלְט. אוּן דֶער תַּם. הָאט זִיךְ שׁוֹין הַיינְט גִיפוּנֶען אַ נַיי טוּעֶכְץ אוּן פְלֶעגְט לוֹיפִין אַלֶע מָאל צוּם חָכָם מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט שִׂמְחָה. אוּן עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז דֶער חָכָם הָאט יְסוּרִים פוּן דֶער אַרְבְּרִיק. הָאט דֶער תַּם גִיזָאגְט צוּם חָכָם. בְּרוּדֶער. גֵיי צוּ מִיר אַרַיין אִין מַיין שְׁטוּבּ אַרַיין. וֶועסְטוּ בַּיי מִיר שְׁטֵיין אוּן אִיךְ וֶועל מִיךְ צוּם אוֹיף נֶעמֶען אִין אֵיין זְמֶענִי גָאר וָואס אִיךְ הָאבּ. אוּן גָאר מַיין שְׁטוּבּ וֶועסְטוּ הָאבִּין. אִיז דָאס גִיפֶעלִין דֶעם חָכָם. אִיז דֶער חָכָם צוּ אִים אַרַיין. אוּן עֶר אִיז בַּיי אִים גִישְׁטַאנֶען.

### זִיךְ בַּאדַאנְקֶען

דָא זֶעט מֶען וואוּ וַוייט דֶער חָכָם אִיז פַארְקְרָאכְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ זַיינֶע חָכְמוֹת; אִין אָנְהֵייבּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיט דִי 'סוֹחֲרִים' קַיין וַוארְשָׁא, דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן זֵיי וֶוערְנְדִיג אַ 'מְשָׁרֵת', אִיז עֶר קוֹדֶם גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי סוֹחֲרִים וָואס הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט אוּן זֵיי אָפְּגֶעדַאנְקְט פַאר'ן אִים בְּרֶענְגֶען דָא אַהֶער, אָבֶער הַיינְט וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט אַלֶע עֶרְלֵיי חָכְמוֹת וְכוּ', אוּן עֶס הָאט פַּאסִירְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ אַיינְצוּשְׁטֵיין, אוּן זַיין חַבֵר דֶער תַּם הָאט אִים אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין אֵייגֶענֶע דִירָה פַאר אִים, דָא

אַ חֵלֶק פוּן דִי אַרְבֶּעט, אָבֶער אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן לָאזְן הֶפְקֵר זֵייעֶר קִינְד דַאן קֶענֶען מִיר נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען זֵייעֶר קִינְד. מַיין טָאכְטֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, מֵיידְלֶעךְ פוּן אַ מִשְׁפָּחָה הַאלְטְן אִין אֵיין דֶערְצֵיילְן אִין סְקוּל אַז זֵיי קוּקְן אוֹיף זֵייעֶר טֶעבְּלֶעט וְכוּ', הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו [זעט דעם בריוו אויף עמוד ג] פַאר דֶעם טַאטְן: "עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן מָאוִוי"ס, יֶעצְט אִיז אֶפְשָׁר גְרִינְגֶער זֵיי שְׁטִיל צוּ מַאכְן מִיט דֶעם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶער וָואס וֶועט זַיין וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן? דֶעמָאלְט וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי", אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט צוּרִיקְגֶעהֶערְט פוּן אִים, אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס, אָדֶער הָאט עֶר זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט פוּן מִיר אוּן עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אוּן אַ הַאלְבּ יָאר אַרוּם וֶועט עֶר אַרוֹיסְנֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער פוּן דָא... אָדֶער וֶועט עֶר זִיךְ כַאפְּן וָואס פַאר אַ עַוְלָה עֶר טוּט מִיטְ'ן וַוייזְן מָאוִוי"ס פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן וֶועט עֶס פַארְרֶעכְטְן, עֶר וֶועט אוֹיפְהֶערְן דָאס צוּ טוּן; וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ אַ בְּרִיוו פַאר אֵיינֶעם הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, אִיךְ ווִיל נָאר יֶענֶעמְ'ס טוֹבָה, עֶר זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער.

**שְׁאֵלָה: הַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: "מֶען טָאר נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן" וְכַדוֹמֶה, הֵייסְט דָאס טְשֶׁעפֶּען אָדֶער פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד?**

**תְּשׁוּבָה:** אִיךְ זֶע אִיר זֶענְט אַזוֹי פָארְזִיכְטִיג, אִיר מֵיינְט שׁוֹין אַז יֶעדֶע זַאךְ הֵייסְט 'טְשֶׁעפֶּען', יֶעדֶע זַאךְ הֵייסְט 'פַארְשֶׁעמֶען'; אַ לֶערֶערִין קוּמְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אִין אָפִּיס אַז זִי ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זִי הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ "זַייט שְׁטִיל", זִי הָאט מוֹרָא אַז זִי פַארְשֶׁעמְט... אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן "אִיר הֶערְט נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת פוּן יְשִׁיבָה? ווִיפִיל מָאל זָאג אִיךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר!" מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוֹיךְ קֶענֶען פְרֶעגְן בַּיים שִׁיעוּר: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, בִּיסְט גֶעקוּמֶען שְׁלָאפְן דָא?!"; פוּן זָאגְן פַאר קִינְדֶער נִישְׁט רֶעדְן אִין קְלַאס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּלְד גֶעפִילְן, וַוייל דָאס אַלֵיינְס בּוֹיט זֵיי אוֹיף, זֵיי גֵייעֶן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן דָאס נָאכְזָאגְן, 'טְשֶׁעפֶּען' מֵיינְט מֶען וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער 'מְשׁוּגֶענֶער' אָדֶער אַנְדֶערֶע מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, 'וֵוי טוּן' מֵיינְט וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד 'פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין', אַזֶעלְכֶע שֶׁעדְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אָבֶער זָאגְן פַאר אַ קִינְד 'נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן קְלַאס' – דָאס אִיז חִינוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

זָאגְט שׁוֹין נִישְׁט דֶער רֶבִּי אַז עֶר הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַּארְ'ן תָּם, ווייל יֶעצְט הָאט אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעפַּאסְט צוּ דַאנְקֶען, ווייל יֶעצְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאלְטְן פוּן זִיךְ גָאר שְׁטַארְק, טְרַאכְטְנְדִיג אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קוּמְט זִיךְ אִים.

אוּן נִישְׁט נָאר דָאס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים, נָאר מֶען זֶעט שְׁפֶּעטֶער אִין דִי מַעֲשֶׂה וִוי עֶר הָאט נָאךְ חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּנֶעם תָּם, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "וָואס בִּיסְטוּ דֶען?! נָאר מְשׁוּגָע!" - זֶעט מֶען דָא וָואס גֶעשֶׁעט מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט נָאךְ זַיינֶע חָכְמוֹת, עֶס פַּאסְט אִים שׁוֹין נִישְׁט צוּ בַּאדַאנְקֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אִים אַ טוֹבָה, עֶר הַאלְט שׁוֹין אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קוּמְט זִיךְ אִים לוֹיט זַיין גְרוֹיס חָכְמָה; אֵיי, דֶער תָּם הָאט זִיךְ דָאךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין אַ גַארַאזְשׁ אַלֶעס צוּלִיבּ דֶעם אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ דִירָה וואוּ צוּ וואוֹינֶען אוּן זַיין צוּפְרִידְן, אָבֶּער עֶר הַאלְט אַז עֶר דַארְף שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט דַאנְקֶען, ווייל אַלֶעס קוּמְט זִיךְ אִים סַיי וִוי...

### קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֶעדֶענְקְן 'קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט', 'קֵיינֶער אִיז מִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג' אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ. יָארְן צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין אַ אַנְדֶערֶע מוֹסָד, זֶענֶען מִיר יֶעדֶעס יָאר זוּמֶער גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ, אֵיין יָאר זֶענֶען דִי דֶעכֶער פוּן דִי בָּאנְגֶעלָאוּס גֶעוֶוען גֶעלֶעכֶערְט, וואוּ עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ לֶעכְל אוֹיפְ'ן דַאךְ הָאט פוּן דָארְט אַרַיין גֶעטְרָאפְּט וַואסֶער, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אִיבֶּערָאל אַרוּם לֵייגְן שִׁיסְלֶעךְ אוּן הַאנְטוּכֶער אַז דִי וַואסֶער זָאל דָארְט אַרַיינְטְרָאפְּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט דֶערוֹיף, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעזָאגְט: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בַּאקוּם דָא אַ בָּאנְגֶעלָאוּ בְּחִנָּם, אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן', אָבֶּער גֶעוִויסֶע אַנְדֶערֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִינֶעם מוֹסָד הָאבְּן זִיךְ יָא גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין אָפְּרֶעדְן וִוי שְׁלֶעכְט דִי בָּאנְגֶעלָאוּס זֶענֶען וְכוּ', פְּלֶעגְט זֵיי דִי הַנְהָלָה עֶנְטְפֶערְן: 'זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר (וַוייזְנְדִיג אוֹיף מִיר) רֶעדְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אָפּ!' לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן גֶעוִויסֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פַארְלוֹירְן זֵייעֶר פָּאסְטְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין אָפְּרֶעדְן, וִוידֶער אֵיינֶער וָואס רֶעדְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ - פוּן אִים אִיז יֶעדֶער צוּפְרִידְן.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ פָּאזִיטִיוֶוער מֶענְטְשׁ, אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, יֶעדֶער וִויל שְׁטֵיין אַרוּם אַזַא מֶענְטְשׁ אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִים; קוּק זִיךְ אַרוּם אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וֶועסְטוּ זֶען, נֶעבְּן וֶועמֶען שְׁטֵייעֶן אַלְץ אַרוּם מֶענְטְשְׁן? מִיט וֶועמֶען הָאט מֶענְטְשְׁן לִיבּ צוּ שְׁמוּעֶסְן? מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, אוּן פוּן אַ זוֹיעֶרֶער מֶענְטְשׁ צִיט זִיךְ יֶעדֶער אַוֶועק.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט דֶעם אַז 'קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט', 'קֵיינֶער אִיז מִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג' - דֶער הָאט אַ זִיסֶע לֶעבְּן; מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ אִינְגֶעלַייט רֶעגְן זִיךְ אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, 'הַיִתָּכֵן, דֶעם עֶלְטְסְטְן קִינְד הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ דִירָה, דֶעם צְוֵוייטְן קִינְד הָאבְּן זֵיי נָאךְ אַבִּיסְל גֶעהָאלְפְּן קוֹיפְן אַ דִירָה אוּן פַאר מִיר גֶעבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט?!'; דַיין טַאטֶע קוּמְט דִיר עֶפֶּעס?! דַיין טַאטֶע אִיז דִיר עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג?! שׁוּלְדִיג בִּיסְטוּ, דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג דַיין לֶעבְּן פַאר דַיין טַאטֶע מַאמֶע! אַז דַיין טַאטֶע וִויל דִיר גֶעבְּן אַ דִירָה זָאג אִים: "טַאטִי, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ", אוּן אַז עֶר וִויל דִיר נִישְׁט גֶעבְּן, אִיז גָארְנִישְׁט.

אַנְדֶערֶע אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן אַרוּם מִיט שִׂנְאָה אוֹיפְ'ן שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, 'הַיִתָּכֵן, דֶעם עֶלְטֶערְן שְׁוָואגֶער הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ דִירָה, פַאר דִי אַנְדֶערֶע שְׁוָואגֶער הָאבְּן זֵיי גֶעקוֹיפְט אַ נֵייעֶ קֶערִידְזְשׁ, אוּן פַאר מִיר קוֹיפְן זֵיי גָארְנִישְׁט?!'; דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער קוּמֶען דִיר עֶפֶּעס?! דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זֶענֶען דִיר עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג?! דוּ בִּיסְט זֵיי שׁוּלְדִיג דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אַז זֵיי הָאבְּן דִיר גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר טָאכְטֶער! אוֹיבּ זֵיי וִוילְן דִיר גֶעבְּן אַ קֶערִידְזְשׁ בַּאדַאנְק זֵיי: "יְיַשֶּׁר כֹּחַ שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער פַארְ'ן מִיר גֶעבְּן דֶעם קֶערִידְזְשׁ", אוּן אַז נִישְׁט אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי וַוייבּ; דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דַיין וַוייבּ זִי זָאל דִיר אָנְגְרֵייטְן אַ גֶעוִויסֶע עֶסְן וְכַדוֹמֶה, דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גְרֵייט, וָואס שְׁרֵייסְטוּ אוֹיף אִיר? זִי קוּמְט

## די פאלגענדע בריוו ווערן דערמאנט אינעם קונטרס "אידישקייט איז שיין"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרִיס פוּן דַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן צוּ זֵייעֶר אַסַאךְ פַארְ'ן מוֹסָד.

דַיין טָאכְטֶער ... תְּחִיֶ' אִיז זֵייעֶר אַ טַייעֶר קִינְד, אָבֶּער זִי שְׁלָאפְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין קְלַאס; מַמָּשׁ יֶעדְן טָאג שְׁלָאפְט זִי אַיין בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען. אֶפְשָׁר שְׁלָאפְט זִי נִישְׁט גֶענוּג? אֶפְשָׁר דַארְף זִי מֶער שְׁלָאפְן, אָדֶער אֶפְשָׁר פֶעלְט אִיר מִינֶערַאלְן; עֶס אִיז וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט עֶס בּוֹדֵק זַיין ווייל עֶס אִיז אַ שָׁאד זִי זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיסְגֶערוּט. זִי וֶוערְט נִישְׁט וֵוי גֶעטוּן אִין כִּיתָּה פוּן דֶעם; מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִיר נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן מִיט דֶעם. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן אִיר לָאזְן שְׁלָאפְן, ווייל זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט, זִי אִיז אַ טַייעֶר קִינְד.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס? וָואס הֶערְט זִיךְ? אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע סִיוּמִים, אִיךְ פְלֶעג זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' זַיין.

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר לִיכְטִיג אוּן טַייעֶר; עֶס אִיז אַ שָׁאד זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן מָאוִוי"ס, זֵיי דֶערְצֵיילְן אִין סְקוּל אַז זֵיי קוּקְן אוֹיף זֵייעֶר טֶעבְּלֶעט וְכוּ'. זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נְשָׁמָה'דִיג אוּן הַארְצִיג, יוּנְגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ; יֶעצְט אִיז אֶפְשָׁר גְרִינְגֶער זֵיי שְׁטִיל צוּ מַאכְן מִיט דֶעם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶּער וָואס וֶועט זַיין וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן? דֶעמָאלְט וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר ווייל אִיךְ וִויל דַיין טוֹבָה.

דיר גָארְנִישְׁט, זִי אִיז דִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג; אַזוֹי הָאט גֶעלֶעבְּט דֶער תַּם, וואוּסֶענְדִיג אַז 'קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט אוּן קֵיינֶער אִיז מִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג', דֶערְפַאר אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה) אֵיינְמָאל אַ טָאג קֶען מֶען זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דָאס הַארְץ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז וִוי מֶער מֶען וֵויינְט אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶער צַדִיק אִיז מֶען, וִוי מֶען טְרוֹיעֶרִיג מֶען אִיז, אַלְץ מֶער עֶרְלִיכֶער איד אִיז מֶען, בִּיז דֶערְוַוייל זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי פַּארְקֶערְט, וִוי פְרֵיילִיכֶער מֶען אִיז - אַלְץ עֶרְלִיכֶער וֶוערְט מֶען.

אִין דִי לֶעצְטֶערֶע יָארְן אִיז גֶעוָוארְן אַ מָאדֶע מֶען זוּכְט צוּ וֵויינֶען וִוי מֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיי חֲתוּנוֹת וְכַדוֹמֶה, אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל מַאכְן פְרֵיילִיךְ דֶעם חָתָן אוּן כַּלָה - מַאכְט מֶען וֵויינֶען דֶעם עוֹלָם, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְרוֹיעֶן כַאפְּן זִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע צוּ צוּ דֶעם, וַוייל זֵיי גְלַייכְן צוּ וֶוערְן עֶמָאצִיאָנַאל.

אוּן דֶער חָכָם אִיז גִיוֶוען פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד. וָוארִין עֶר הָאט גִילָאזְט אַ שֵׁם אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְלָאכָה אוּן אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער זֵייעֶר. אִיז גִיקוּמֶען אַ שְׂרָרָה. אוּן הָאט גִיהֵייסִין אַז עֶר זָאל אִים מַאכִין אַ גִילְדִין פִינְגֶערִיל. הָאט עֶר אִים גִימַאכְט זֵייעֶר אַ וואוֹיל פִינְגֶערִיל. אוּן הָאט דָארְט אוֹיס גִיקְרִיצְט גִימֶעלִין מִיט זֵייעֶר וואוֹילֶע גֶענְג אוּן הָאט דָארְט אוֹיס גִיקְרִיצְט אַ בּוֹים וָואס סֶע גִיוֶוען גָאר אַ חִידוּשׁ. אִיז גִיקוּמֶען דֶער שְׂרָרָה. אוּן סֶע אִיז אִים גָאר נִיט גִיפֶעלִין דָאס פִינְגֶערִיל. הָאט עֶר גִיהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים. וָוארִין עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גְווּאוּסְט אַז דָאס פִינְגֶערִיל מִיט דֶעם בֵּיימִיל זָאל גִיוֶוען זַיין אִין שְׁפַּאנְיֶא וָואלְט עֶס זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען סֶע וָואלְט דָארְט גִיוֶוען אַ חִידוּשׁ. אוּן דָא גִיפֶעלְט עֶס גָאר נִיט.

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען דָא אִין דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער חָכָם הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פְרִיעֶר וִוי דֶער חָכָם הָאט קוֹדֶם גֶעטְרַאכְט צוּ נֶעמֶען אַ וַוייבּ אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען זִיךְ אוּמְקֶערְן אַהֵיים וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט דָא חֲתוּנָה הָאבְּן וֶוער וֶועט וִויסְן וָואס אִיז גֶעוָוארְן פוּן אִים? דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, [עֶס קֶען זַיין אַז שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶּער וִוילַאנְג עֶס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט], אַלֶעס צוּלִיבּ דֶעם אֵיין סִיבָּה וָואס הָאט אִים אָנְגֶעמַאכְט אַלֶע זַיינֶע יְסוּרִים, הַאלְטְנְדִיג אִין אֵיין טְרַאכְטְן וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף מִיר, צִי זֵיי וֶועלְן זֶען מַיינֶע מַעֲלוֹת אוּן גְרוֹיסְקֵייט.

אוּן אַזוֹי אִיז אַמָאל גִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׂרָרָה אוּן הָאט גִיבְּרַאכְט אַ טַייעֶרִין דוּמִיט וָואס מֶען הָאט אִים גִיבְּרַאכְט פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער. אוּן עֶר הָאט אִים גִיבְּרַאכְט נָאךְ אַ דוּמִיט מִיט אַ גִימֶעל אוּן הָאט אִים גִיהֵייסְן אַז עֶר זָאל אוֹיסְקְרִיצִין אַזוֹי וִוי דָאס גִימֶעל אִיז אַזוֹי זָאל עֶר אוֹיס קְרִיצִין אוֹיף דֶעם דוּמִיט וָואס עֶר הָאט אִים גִיבְּרַאכְט (וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער) הָאט עֶר אוֹיס גִיקְרִיצְט פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דָאס גִימֶעל. נָאר עֶר הָאט גִיפֶעלְט אֵיין זַאךְ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטשׁ אִיז דְרוֹיף קֵיין מֵבִין נִיט גִיוֶוען נָאר עֶר אַלֵיין. אִיז גִיקוּמֶען דֶער שְׂרָרָה אוּן הָאט אָפְּגִינוּמֶען דֶעם דוּמִיט. אוּן עֶר אִיז אִים וואוֹיל גִיפֶעלִין. אוּן דֶער חָכָם הָאט גִיהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים פוּן דֶעם פֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גִיפֶעלְט. עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. אַזוֹי קְלוּג וִוי אִיךְ בִּין. הַיינְט זָאל זִיךְ מִיר טְרֶעפְן אַ פֶעלֶער.

## יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַמָאל מַאכְן אַ פֶעלֶער

דֶער חָכָם הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן דֶעם פֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, אַלְץ הָאט עֶר גֶעזוּכְט בַּיי זִיךְ גַאנְצְקֵייט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן, לוֹיט זַיין גְרוֹיס חָכְמָה אוּן טַאלַאנְטְן וָואלְט שׁוֹין נִישְׁט גֶעפַּאסְט עֶר זָאל מַאכְן אַ טָעוּת.

אָבֶּער דִי אַלֶע יְסוּרִים אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן הָאט אָנְגֶעמַאכְט זַיין חָכְמָה אוּן פִילָאזָאפְיֶע, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז, אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַמָאל מַאכְן אַ פֶעלֶער, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַמָאל דוּרְךְ פַאלְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס טַאלַאנְטְפוּל, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס גֶעלוּנְגֶען, אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַמָאל אַ פֶעלֶער אָדֶער מֶען פַאלְט אַמָאל דוּרְךְ.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר אִיז יָא מַצְלִיחַ, עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט, 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעצְט הָאבּ אִיךְ יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען', וִוידֶער אַ נַאר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַייט, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר גֶעוֶוען פוּל מִיט שׁוּלְד גֶעפִילְן אוֹיף דִי פָּאר מָאל וָואס עֶר הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן אוֹיף דִי פָּאר מָאל וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ גֶעפַאלְן, דֶערְפַאר אִיז דֶער חָכָם גֶעוֶוען פוּל מִיט יְסוּרִים שְׁטֶענְדִיג.

## דְרֵיי עֶקֶעדִיגֶע לֶעבְּן

אָבֶּער דֶער תַּם הָאט גֶעלֶעבְּט פּוּנְקְט פַארְקֶערְט; אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט הָאט גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דֶעם בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ שִׁיךְ, אָבֶּער דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶעס אַרוּם, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ טִישׁ, אִיז עֶס זִיכֶער נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, עֶס הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין שָׁאקְלֶען, וֶוען עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ בֶּענְקְל הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט זִיצְן דֶערוֹיף א.א.וו. דָאךְ אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן דֶערְבִּיטֶערְט דֶערְפוּן, נָאר עֶר הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס תַּעֲנוּג, אַזוֹי וִוי עֶר פְלֶעגְט זִיךְ בַּארוּמֶען מִיט זַיין שִׁיךְ: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט אוּן וָואס פַאר אַ וואוֹילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, וָואס פַאר אַ הָאנִיגְ'דִיג אוּן אַ צוּקֶערְדִיג שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אַז דָאס דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אִיז עֶס אַ שִׁיכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן", דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אַז דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף 'בְּרוּחָנִיוּת'; אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן 'וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ בְּרוּחָנִיוּת? יֶענֶער לֶערְנְט מֶער פוּן מִיר, יֶענֶער דַאוֶוענְט בֶּעסֶער פוּן מִיר, מַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אִיז מִיט דְרֵיי עֶקְן...' - דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן דֶעם אַז אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן: 'דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וִוידֶער וָואס הָאבְּן מִיר צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע!' יֶענֶער לֶערְנְט - אִיךְ לֶערְן אוֹיךְ, אִיךְ לֶערְן אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, יֶענֶער דַאוֶוענְט - אִיךְ דַאוֶוען אוֹיךְ, אִיךְ דַאוֶוען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב; אִיךְ בִּין דָאס וָואס אִיךְ בִּין, אוּן עֶר אִיז וָואס עֶר אִיז.

אַז מֶען קוּקְט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם הֵייבְּט מֶען אָן מְקַנֵא זַיין, מֶען מֵיינְט בַּיי יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער, יֶענֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ, יֶענֶער הָאט בֶּעסֶער חֲתוּנָה גֶעהַאט וְכוּ', אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט גוּט אַרַיינְקוּקְן אִין זַיין לֶעבְּן וֶועסְטוּ שׁוֹין זֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא וָואס יֶענֶעם צוּ מְקַנֵא זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.